Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראָשען

# היינט 8 זייטען.

# נייער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

| Nr. 289/1584 | Łódź, Sroda 12 grudnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאָדז, מיטוואָך, כט כסלו תרפ"ט | Nr. 289/1584 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראַציע: לאָדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

# ווידער א קאנפליקט צווישען סיים און רעגירונג

## צוליב'ן געזעץ וועגען געריכטס-וועזען.

וואַרשאָ, 11. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער יורידישער קאָמיסיע ביים סיים האָבען די ענדעקעס אריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז דאָס געזעץ וועגען רעאָרגאַניזירען דאָס געריכטס-וועזען זאָל אָפּגעלעגט ווערען אויף 1 יאָהר צייט.

געגען דעם איז אַרויסגעטרעטען דער רעגירונגס-בלאָק.

דער וויצע יוסטיץ-מיניסטער צאַר האָט ערקלערט, אַז די רעגירונג וועט אָננעהמען די שאַרפסטע מיטלען, אויב אַזאַ פאָרשלאַג זאָל אָנגענומען ווערען. דער פאָרשלאַג איז דאָך מיט 14 שטימען אָנגענומען געוואָרען.

## פאַבריק פון לאַנדוו. פּראָדוקטען

### זיצונג פון דער בודזשעט-קאָמיסיע.

וואַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער בודזשעט-קאָמיסיע איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ רעדע דער מיניסטער ניעזאַביטאָווסקי. דער מיניסטער האָט געזאָגט, אַז די רעגירונג דאַרף זאָרגען, די פּרייזען אין דאָרף אויף לאַנדווירטשאַפטליכע אַרטיקלען זאָלען נישט פאַלען. דער מיניסטער מיינט אויך, אַז בכלל איז נישט אַזוי גינסטיג, וואָס דער אינערליכער פערברויך אויף אַגראַר-פּראָדוקטען איז אַזוי גרויס, דאָס בעווייזט, אַז די בעפעלקערונג איז נישט שפּאַרזאַם, ס'וואָלט גלייכער געווען, אַז מ'זאָל מעהר קענען עקספּאָרטירען.

דער מיניסטער האָט דאָן אָנגעוויזען, אַז די רעגירונג נעהמט איצט איבער דעם וואַלד-האַנדעל און די רעגירונגס-טאַרטאַקען.

אויף דער נאָכמיטאָג'דיגער זיצונג איז אַרויסגעטרעטען דעפּ. ראָזמאַרין, וועלכער האָט אָנגעוויזען, אַז די אַגראַריער ווייזען אַרויס אַ גאַנץ קליינע ענערגיע צו ענטוויקלען די אַגראַר-פּראָדוקציע. די רעגירונג אונטערשטיצט די סינדיקאַטען און גיט זיי אפילו מאָנאָפּאָלען. די רעגירונג פערפאָלגט די קליינע טאַרטאַקען און גיט זיי נישט קיין האָלץ צו בעאַרבייטען.

## אָפּגעשאַפט דעם פערבאָט

### צו אימפּאָרטירען ווייץ.

וואַרשאָ, 11. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אין „דזשענניק אוסטאַוו" פון 14. דעצעמבער איז אָפּגעדרוקט אַ פעראָרדנונג, אַז עס ווערט אָפּגעשעפען דער פערבאָט אויף אריינפיהרען ווייץ. עס ווערט אָבער אַרויסגעלעגט אויפ'ן אריינגעפיהרטען ווייץ אַ צאָל פון 11 גילדען אויף יעדע 100 קילאָ.

---

„OAZA"
(פילהאַרמאָניע-געביידע)
נאַרוטאָוויטש 20

ראַנדעוואו פון דעם עלעגאַנטען לאָדז!

טעגליך פון 10 אַ זייגער פריה
הייסע פריהשטיקען

געשמאַקע מיטאָגען
בעת'ן מיטאָג פון 2 ביז 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג
— פון אַ —
קאָנצערט ארקעסטער

אוונט דאַנסינג

ארטיסטישע אויפטריטען:

Kenio Domański | Duet Merewil | Rena Sulimierska | Werlińska | Nałęczówna
בעוואוסטער הומאָריסט | עקסצענטרישע טענץ | קלאַסישע טענץ | זינגערין | טענצערקע

אויסגעצייכנעטע קיך! צוגענגליכע פרייזען!

---

גרויסער פּרייז

## קליינהענדלער-פעראיין

אין די האַלעס און מערק אין לאָדז אגראָדאָווא 10

היינט, מיטוואָך, דעם 12. דעצ., פּינקטליך 7 אין אָוונט וועט אין לאָקאַל פון קליינהענדלער-פעראיין פון די האַלעס און מערק (אַגראָדאָווא 10) אונטער'ן פאָרזיץ פון וואַהל-קאָמיטעט צו דער האַנדעלס-קאַמער פאָרקומען

## אוואַהל-פערזאַמלונג

מיט דער טאָג-אָרדנונג:

וואַהלען פון ראַט-מיטגליד צו דער האַנדעלס-קאַמער

בעמערקונג: די פערזאַמלונג איז גילטיג ביי יעדער צאָהל מיטגלידער.

די פערוואַלטונג. 2750

---

אַ שלאָפצימער

העלע אייכע אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

ביי פרידמאַן

אַנדזשעיאַ 32, פראָנט, פּאַרטער. 3044

---

אַ שטוב

אָוועקצוגעבען צו אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג, עס קאָן אויך זיין מיט שלאָפען, אין צענטרום שטאָט. צו ערפאַהרען פּיעטריק. 119, פראָנט, 1 שטאָק, וו. 9, פון 3 ביז 4. 3039

---

געזעלש. „הזמיר", אל. קאָשטשושקי 21.

שבת, דעם 15-טען דעצעמבער, 9 אַ זייגער אין אָוונט קומט פאָר אַ

גרויסער טראַדיציאָנעלער

## חנוכה-קאָנצערט

מיט'ן אָנטייל פון: „הזמיר"-כאָר אונטער דער לייטונג פון דיר. י. פייוושיס, פרוי מאַבינאַ ראָזענבלאַט (געזאַנג), פּראָל. בראָניסלאַווא ראָטשטאַט (פידעל), י. מ. מאַשקאָוויטש (רעציטאַציעס) און אינסצעניזאַציעס פון יודישע פאָלקס-לידער אונטער דער לייטונג פון ז. לעווינין.

בילעטען צו בעקומען ביי דער קאַסע פון „הזמיר" 3040

---

היום, כ"ט כסלו, ה' חנוכה בשעה 7.30 בערב נערך

## נשף חנוכה

באולם נובו אנגילסקי — פולודניובה 10 —

בהשתתפות ציר לסיים הרה"ג ר' שמואל הלוי ברוט אבד"ק טומשוב

והרב יעקב גוטקובסקי ועוד. בתור כרטיס כניסה משמשת ההזמנה

הועד של הסתדרות „מזרחי" בלודז. 3041

---

טיכטיגע

## אגענטען

בעקאַנט אין דער גאַלאַנטעריע = בראַנזשע ווערען געזוכט.

צו ווענדען זיך צעגעלניאַנאַ 14, ביי ה' ערליך.

---

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אונזער הייסגעליבטע מוטער, גרויסמוטער, שוויגערמוטער, שוועסטער און טאַנטע

## נ.ע. בלימה בערלינער

(געבוירען לעווקאָוויטש)

אין עלטער פון 73 יאָהר.

די לויה קומט פאָר היינט מיטוואָך, דעם 12 דעצעמבער, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז ספּאַצעראָווא 8 (באַלוט), וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאַמיליע ראַנאַזשינסקי צוליב'ן טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען מיטגליד

## נ. ע. ישראל ראַגאַזשינסקי

זיין אָנדענק וועט ביי אונז שטענדיג בלייבען

די פערוואַלטונג

פון שניידער-מייסטער-פעראיין

פּיעטריקאָווער 20. 3050

---

— אַ —

## פיאַניסט (קע)

קען זיך מעלדען אין דער טאַנץ-שולע פון פרידוואַלד

פּאָלודניאָווע 10.

---

## אַנאָנסען

אין „נייעם פאָלקסבלאַט" האָבען דעם בעסטען ערפאָלג !!!

